STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05942

LITE

Mordecai Orlin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי אָרלין

ליטע

פארלאג קולטור
ניו יאָרק, 1921

Copyright by
M. ORLIN
1921

פּאַרטאָג.

האָט דער זייגער-גלאָק אין קלויסטער
אויף „פריהמאָרגען" שוין געשלאָגען,
דורך די שפּאַלטען פון די לאָדען
האָט אין שטוב גענומען טאָגען.

הערט אין דרויסען זיך אַ וואָגען,
האָט מען אויפגעמאַכט די לאָדען,
פאָהרט אין שטאָדט אַריין דער פּאַכטער
פול מיט קריעגלאַך אָנגעלאָדען.

טריפט אַ רעגעלע, אַ קליינער,
קלאַפּט און קלאַפּט ער אויף די שויבען,
און ביים שוועל פון טיר צושראָקען,
שנאַבלען הונגעריגע טויבען.

די גנבה.

עמיץ פאָהרט ביינאַכט דורך וואַלד —
צינדט ניט אָן פאַר וועלף קיין שוועבעל.
ווער זשע פאָהרט עס אַזוי שפּעט
אָהן אַ גלאָק אין נאַכט און נעבעל ?!

צו דער הינטער־טיר פון שיינק
פאָהרט אין שטעדטעל צו אַ פויער ;
מאַכט דער שיינקער אויף פאַר איהם
אין דער שטיל דעם שטאַנג פון טויער.

לאַדעט מען זיין וואַגען אויס
אין דער פינסטער, שטיל, אין שווייגען, —
אין דעם פריץ'ס וואלד ביינאַכט
האָט מען אָנגעהאקט די צווייגען.

זעצט דער פויער זיך אין שיינק
ביי אַ פולער פלאַש מיט בראַנפען.
טרעפט אַ דאָרפסמאַן איהם ביים טיש, —
פאַנגט ער אָן זיך איהם צו חנפ'ען.

ציגיינער.

זיינען בוידען מיט ציגיינער
אויפ'ן מארק בייטאָג געקומען,
אויף די שטיוועל, קליידער — גלעקלאך,
אין די האָר און קרויזען — בלומען.
מיט קלאַרנעטען, פידעל, פלייטען,
און מיט בערען אויף די קייטען.
ווערט אין שטעדטעל א געפילדער:
מאַמעס לויפען זוכען קינדער,
כאפט מען זיי ווי שאָף און רינדער.
טיר און טויער צוגעמאכט,
ווי אין מיטען נאַכט...

בײַ דער טיר פֿון שײַנק אין דרויסען
די ציגײַנער הוליען, טאַנצען.
פֿול געלעכטער, פֿול געזאַנגען,
אויגען װינקען, אויגען גלאַנצען.
זײער װילדען טאַנץ בעגלײַטען
די קלאַרנעטען, פֿידעל, פֿלײַטען.
מאַכען קינדער אַ געפֿילדער:
װען אין גאַס ציגײַנער זינגען, —
רײַסען זײ זיך און זײ שפּרינגען.
טיר און לאָדען צוגעמאַכט,
װי אין מיטען נאַכט.

נאָכ'ן רעגען.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
עמיץ געהט אַרום און וואַכט.
הערט זיך ערגעץ־וואו א זעג
פון אַ ברעטער־מיהל ביים ברעג.

האָט אַ פליט אין מיטען וועג
אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ ברעג,
אין דעם חושך פון דער נאַכט
האָט דער רעגען איהם געבראַכט.

אין דעם שטרויענעם געצעלט,
פון דעם רעגען־ווינד פערשטעלט,
האָט די מאַנשאַפט זיך צוליינגט
פון דעם רעגען דורכגעווייקט.

און דער וועכטער אויף אַ שטיין
זיך צו וואַרעמען אַליין,
האָט אַ פייערל געמאַכט
אין דעם חושך פון דער נאַכט.

ב י י נ אַ כ ט.

שלאָפט שוין לאַנג דאָס ווייסע שטעדטעל,
פֿאַלט און פֿאַלט דער שנעע אין שטיקער,
נאָר פון שענקהויז זיך פערשפעטיגט
שלעפט אין גאַס זיך אום אַ שיכור.

בילען ערגעץ פון דערווייטען
הינט אויף קייטען צוגעבונדען,
בלאָנדזשעט אום אין שנעע אַן אָפּשיין
פון א לאָמפּ... און ווערט פארשוואונדען.

מיט זיין שטעקען און לאַמטערנע,
אין זיין שעפסען-פעלץ דעם ברייטען,
קריכט אין מאַרק אליין דער וועכטער
און באקוקט אויף נאַכט די קלייטען.

רעקרוטען.

דרעהען זיך רעקרוטען, —
קענען אָנטאָן שאָדען,
האָט מען פריה באַציימענס
צוגעמאַכט די לאַדען.

אויפ'ן שנעע אין געסעל
טאַנצען זיי און שפּרינגען,
ווער אויף א גאַרמאָניע
שטיל באַגלייט דאָס זינגען:

„היינט איז נאָך צו הוליען:
לעבען — אַ גן עדן,
מאָרגען פריה באַגינען
וועלען מיר זיך שיידען.
זייט געזונד, חברים!
זייט געזונד — איהר אַלע,
זיי געזונד די היימאַטה
און אויך דו — מיין כלה!"

ביים דאַווענען.

האָט געכאַפּט אַ פּראָסט בעגינען,
לאָזט די קעלט אין שויב זיך פיהלען,
שטעהט אַ איד ביים קאַכעל-אויווען
איינגעהילט אין טלית, תפילין.

אויף די בערען-ווייסע שויבען
בלאַנדזשען זאָרגפול זיינע בליקען, —
ערשט נאָך נעכטען — פּוהרען עפּעל
האָט געלאָזט אין שטאָדט ער שיקען.

דאַכט זיך איהם — ער זעהט די פּוהרען
אויפ׳ן וועג די גוים פיהרען,
שעפּצעט שטיל פאַרזאָרגט אין דאַווענען:
„ס׳קאָן אין וועג דער עפּעל פריהרען!״

דער מחבר.

דעם זעקעל אויפ'ן פּלייצע,
אין זעקעל די חבורים,
ער קריכט אין שנעע ביז גארטעל
דורך קעלט און ווינד און שטורעם.

עס ציהען זיך אויף מיילען
פון שטאָדט צו שטאָדט די וועגען,
און זעלטען ווען א שליטעל
עס פאָהרט איהם אָן אנטקעגען.

די הענד פון קעלט פארגאנגען,
די אויערען — פאַרפראָרען,
עס דאכט זיך איהם — ער האָט זיי
אינגאַנצען שוין פאַרלאָרען.

וואָס קען די קעלט איהם אַרען?
ווען ס'וואַרעמט אַלע גלידער — —
א חבור'ל אַ נייער,
וואָס וועבט אין קאָפּ זיך ווידער.

ער שאַרפֿט און טאַקט מליצה,
וואָס טויג אַמאָל איהם עסען! ?
ער האָט דאָך שוין במילא
אָן דעם זיך לאַנג פֿאַרגעסען.

און אויפ׳ן וועג דעם לאַנגען,
אין קעלט און ווינד און שטורעם,
ער פֿיהלט שוין ניט די שווערקייט
פֿון זאַק מיט די חבורים.

שוועמלעך.

קלאַפּט ביינאַכט אין שויב דער רעגען,
גיט א ווינט אין טיר א בלאָז.
זיצט אַ איד ביים שיין פון לעמפּעל
מיט שפּאַקולען אויף דער נאָז.

אויפ'ן טיש צוואַוואָרפען שוועמלעך
ליגען אָנגעשאָטען פיל ;
ציהט די שוועמלעך אן אויף שנירלעך,
ציהט און זאָגט וואָס אין דער שטיל.

זאָגט ער שטיל קאַפּיטלעך תהילים,
וויים ער אויסענווענינ זיי,
און באקוקט די קרענץ, ווי פּערל,
טרוקען, קלאָר און וויים ווי שנעע.

און באוואונדערט ער די שוועמלעך, —
זאָגט דער תהילים זיך געשמאַק ;
און דערנאָך מיט גרויס כונה
צעהלט און לעגט זיי אין אַ זאַק.

אין אַ שטיבעל אויפ'ן וועג.

פינסטער, רויכיג אינ'ם שטיבעל,
אויפ'ן וואַנד א לעמפעל ברענט.
קנאַקט דער האָלץ אין אויווען-פייער,
שפּרינגען שאָטענס אויף די ווענט.

הערט אין דרויסען זיך אַ גלעקעל ;
דרויסען טראָגט און קעהרט און וועהט ;
שטעלט זיך אָפּ ביים טיר אַ שליטעל,
קומט אַ מענש אריין פארשנעהט.

שטעלט ער גלייך דעם בייטש אין ווינקעל,
טרייסעלט, קלאַפּט פון זיך דעם שנעע,
— אויסגעטאָן די שווערע הענדשקעס,
רוקט אין אויוועןפייער זיי.

אָנגעוואַרעמט זיך אַ ווײַלע,
נעהמט די ליולקע באַלד אין מויל,
אָנגעשטאָפּט מיט פרישען טאַבאַק,
און פארדויכערט מיט אַ קויהל.

טומ צוריק אַן זיינע הענדשקעס, —
אויפ׳ן היטעל דעם באַשליק.
נעמט דערנאָך דעם בייטש פון ווינקעל,
געהט אין וועג אריין צוריק.

נאָך מעריב.

דונקעל, אויסגעלאָשען
אַלע ליכט אין עמוד,
אויסער אין דער מנורה
גלימערט דער נר תמיד.

איז מען נאָך מעריב
שפּעט אין קלויז פאַרבליבען.
האָט מען זיך ביים אויוועז
ענג צונויפגעקליבען.

אויסגעהייצט דעם אויוועז
ברענט דער קאַכעל — פייער!
זיצט מען און מען שמועסט,
ריידען קאָסט ניט טייער.

י ע ג ע ר

ווייסע שנעע־פּאַלאַצען,
זילבער־בלומען־שנעע ;
שטערען און בריליאַנטען
פינקלען פיל אין זיי.

שטערען און בריליאַנטען,
מראַמאָר און קריסטאַל ;
ווי אַ ווייסער חלום
שוועבט אין וואלד און טהאַל.

ווי אַ ווייסער חלום
שטיל אַרום אין פּראַכט, —
ערגעץ־וואו אַ גלעקעל
בלאַנדזשעט אין דער נאַכט.

ערגעץ־וואו אַ גלעקעל
בלאַנדזשעט אויפ׳ן וועג, —
פּאָהרען אין אַ שליטעל
יעגערס פון געיעג.

פֿאָהרען אין אַ שליטעל
אויפ'ן וועג דורך וואַלד ;
זעהען זיי פון ווייטען —
שוין אַ קרעטשמע באַלד !

זעהען זיי פון ווייטען —
שטיל אין העלען פּראַכט,
ערגעץ־וואו אַ פייער
בלאַנדזשעט אין דער נאַכט.

אויף אַרבייט

ווייט און אומעטיג א זינגען
הערט זיך ערגעץ אויף די וועגען ; —
לאָזען „גוים” זיך אין באנדעם
דורכ'ן וואלד מיט העק און זעגען.

קריכען זיי דעם וועג פאר מיילען
אויפ'ן ווינטער וואָס פארדינען, —
האָבען ווייב און קינד געלאָזען
אין דער היים, ביים רעדעל — שפינען

אַ געזאנג, א גלעזעל בראנפען —
טרייבט אַוועק די שווערע זאָרגען.
ווילען קרעטשמערס אין דערוועגענס
פרעמדע דורכגעהער ניט באָרגען.

הערט זיך ערגעץ זייער זינגען
אויף די ווייט־פארשנעהטע וועגען ; —
קריכען זיי אין שנעע פאר מיילען,
אָנגעגורט מיט העק און זעגען.

א שׂרפה

רויט ביי־נאַכט דער הימעל,
העל צוגליהטער שיין:
ערגעץ ביי דעם שטעדטעל
מוז א שׂרפה זיין!

קאַלעקאַטקעס קלאַפּען,
א סיגנאַל — פּאַזשאַר!
כאַפּט מען קוים דעם אָטהעם —
לויפען פון געפאַהר.

האַק און פּאַק געבונדען,
קינדער אויף די הענט.
טומעל און געשרייען:
גאָט וויים — וואו עס ברענט!

פיהרט מען פון די שטאַלען
פערד ארוים געשווינט.
לויפען נאָך און בילען
אויפגערעגטע הינט.

פאַלט ,דער פלאַמען-אָבשיין,
בייט זיך, — רויט און העל,
איבער פענסטער, שויבען,
איבער טיר און שוועל.

ברענט ביי-נאַכט דער הימעל,
רויט-צוגליהטער שיין...
ערגעץ נאָהנט ביים שטעטעל
מוז די שרפה זיין!

דער שנעע.

דורך די ווייסע דובעל-פענסטער
קוקט די נאכט אריין אין שטיבעל ;
אויפ׳ן וואנד דערברענט דער לעמפעל,
ווארפט זיין שיין אויף קרענץ מיט ציבעל.

קינדער שפּילען זיך און טומלען,
קינדער דרעהען זיך און טאַנצען :
— טאַטע קומען !... טאַטע ברייגגען ! —
מאַנדעל-ברויט און פּאָמעראַנצען.

און צורויטעלטע פון שפּילען
באַלד צופאַלען זיי ווי פליגען,
נאָר די מאמע קאָן ניט שלאָפען
האלט דאָס פיצעלע אין וויגען.

שרעקט איהר זייער : צעהן דער זייגער
און ער איז נאָך ניט געקומען !
געהט זי שטיל ארוים אין דרויסען,
אלץ ארום אין שנעע פארשוואומען !

און דער זייגער אינ׳ם שטיבעל
האָט שוין עלף... און צוועלף געשלאָגען.
אזאַ שנעע ! ... זאָל גאָט באַהיטען !
קאָן אין וועג אַ פוהר פארטראָגען !

שוועבט פאַר איהר די נאַכט מיט שרעקען.
לייגט זיך, בויגט זיך, קאָן ניט שלאָפען ;
פאלען שטיינער אויפ׳ן הארצען :
עפּעס האָט מיט איהם געטראָפען !

די האָלצפיהרער.

רויט־פארפראָרענע געזיכטער,
זילבער־וואָנצען, זילבער־בערד,
אין פריהמאָרגענדיגען נעבעל
קריכען פויערים און פערד.

טרוקען סקריפּענען די שליטען
מיט געהאקטען האָלץ אויף זיי ;
ווי פון מארמאָר אויסגעשליפען,
פיהרט דער וועג דורך בערג מיט שנעע.

קנאַקט דער פראָסט און שניידט ווי מעסער
רויט ווי בלוט געהט אויף די זון.
זאָל דער פראָסט ווי מעסער שניידען !
עך, וואָס קימערט זיי דערפון ! ? ! ...

בונטע פעלצען זיינען פאַנצערס,
שטייף פארגארטעלט אויפ'ן בויך,
און באשליקען אויף די היטלען
אויפגעשטעלט אין שפּיצען הויך.

גראָבע לייוועגטענע טיכער,
אויף די פּיס פאַרוויקעלט דיק;
שיך געפלאָכטען פון ראָגאָזשע
און פאַרבונדענע מיט שטריק.

געהט די זון אויף רויט אין נעבעל,
איבער ווייסען אויסגעשפּרייט:
אויף פאַרזילבערטע געזיכטער
עפּעס ווארעמט און דערפרעהט.

איבער דער גרענעץ.

געהט אַ זעלנער אום ביינאַכט
ביי דעם גרענעץ־וועג און וואכט
און אין וואלד, פארבאָרגען שטום,
עפּעס וואָס באַוועגט זיך אום.

ניט קיין בוים באַוועגט זיך שטיל,
מענשען־שאָטענס שוועבען פיל.
און א שטימע, קוים מען הערט:
— שטילער, לייגט זיך אויף דער ערד...

לייגט מען זיך אויף דר'ערד אוועק,
קלאפּט און קלאפּט דאָס הארץ פון שרעק
און דער זעלנער שפּאַנט און שפּאנט,
מיט'ן פולען ביקס אין האנט.

נאַכט אין וואלד; און טויט־געפאהר
גיט אין הארץ אַ בייזען שטאָר.
און די שטימע ווידער דאָרט:
— שטילער... הויב זיך אויף פון אָרט...

שטעהט מען אויף; און ערגעץ וואו
קריכט מען אין דער פינסטער צו.
און אין נעץ פון שרעק און פיין
האַלט מען קוים דעם אָטעם איין.

און דער זעלנער געהט און וואכט
שוין מיט געלט... און בלינד, ווי נאכט.
און די שטימע טרייבט אצינד:
— לויפט געשווינד! ...

א שבת-נאַכט אַרויספאָהר.

ווי א כלה וויים געקליידט,
ליגט די טבת-נאַכט פאַרשנעהט.
גלאט דער וועג, ווי מראמאָר-שפּיגעל,
טראָגט דעם שליטעל, ווי אויף פליגעל.
גלעקלעך קלינגען: גלין — גלין — גלאַן!
פערדלעך שפּרינגען אין געשפּאַן.
און אין שליטען, גאָט זאָל היטען! —
צווישען בחורים אין מיטען
מיידלעך פיל פאראן.

גיט מען נאָך א שמיץ די פערד,
ציטערט אונטער זיי די ערד.
איז אין שליטען ענג און וואַרעם,
ס'האַלט זיך ווער און וועד אין אָרעם.
און געלעכטער, קוויטשעריי,
הילכט דורך נאכט דעם וועג פאַרביי.
גאָט באַהיט א שרעק אזוינעם,
מיידלעך בחורים אינאיינעם,
פאָהרען פראַנק און פריי.

אויפ'ן אײז.

פרײדיגע געשרײען,
פײער אויפ'ן ברעג,
צווישען זון און שנײען
שנײדט אין אײז דער זעג.

װאַנצען, בערד און ברעמען —
אָנגעהויכט מיט אײז.
שווער דערקענען װעמען,
יעדער קוקט אַ גרײז.

רײסט זיך אָפּ א קריהע,
כאַפּט מען זי צוריק.
איבער דער װיליע*)
שלעפּט מען זי מיט שטריק.

הילכען די געשרײען,
דרײנגען זיך די הענט.
צווישען זון און שנײען —
פרײד אין אויגען ברענט.

*) װיליע — א טײך אין דער ליטע.

דער קאַרעבעלניק.

פאַרשלייערטע וועלדער אין ווייסען,
פאַרשאָטענע וועגען מיט שנעע:
מען זעהט ניט קיין פייער, קיין ישוב,
קיין צייכען פון שליאך און שאָססיי.

פאַרטראָגען אין שנעע־זאווערוכעס,
דורך ווינטער־פאַרנעבעלטע טעג,
דעם פאַק אויפ'ן פלייצע פאַרבונדען,
א דאָרפס־הענדלער שלעפּט זיך אין וועג.

ער שלעפּט זיך פאַר מיילען און מיילען
די וועגען — מדבריות פון שנעע.
און שטיל איז ארום; נאָר אַמאָל וואו
דערהערט זיך א קראָהען־געשריי.

ערשטע פריהלינגס טעג.

ליגט דער שנעע אין העלפט צוגאנגען,
ערטער — טרוקען, ערטער — נאס.
זעהט מען וועניגער די שליטענס;
קלאפען רעדער שוין אין גאס.

שפילט די זון זיך אויף די דעכער,
רינט דאָס אֵייז אַראָפּ אויף דר'ערד.
קינדער יאָגען זיך און טומלען,
לויפען, שפילען זיך אין פערד.

שלעפט זיך זינגענדיג א שיכור,
ווינט דער קאָפּ זיך אויף זיין קארק,
אויסגעטאָן זיין ווינטער־פעלצעל, —
טראָגט פארקויפען עס אין מארק.

דער חשבון.

נאָכ׳ן מאַרק ביימאָג אין שענקהויז
זיצט א גוי דעם קאָפּ פארזונקען.
אויפ׳ן טיש דאָס פלעשעל בראנפען
שטעהט — א העלפט נאָך ניט דערטרונקען

געגענאיבער — אויך געבויגען
זיצט פון מארק א איד, א קרעמער,
האָט ביים גוי געקויפט געהילצווארג.
מולטער, האַק־ברעטלעך און עמער.

מאַכט דער איד מיט קרייד דעם חשבון,
שרייבט און רעכענט דורך שפּאקולען,
אויפ׳ן טיש, ווי גרויסע פלעקער:
ציפער, שטריכען, איינסען, נולען.

צעהלט דער גוי אויף זיינע פינגער,
און אין האנד דעם ביטש גענומען,
מאַכט ער קניפּלעך אויפ׳ן שטריקעל,
וויפיל גילדען ס׳דארף איהם קומען.

„פערטער קלאס".

ס'הודערט, רודערט, ביים וואָקזאַל,
שטופּט מען זיך מיט זעק און פּעק.
צעהן — נאָך באהן־זייגער — ביינאַכט
געהט דער „פערטער קלאַס" אוועק.

ענג, געדריינג, פון פּאַסאַזשירען,
שלאָגט דער פּעלץ־געררוך פון זיי.
שלאָגט און טראָגט מיט דזשעגעכץ טראָן,
בראַנפען, שטריק, טיטון און היי.

און אין טומעל — קאָנדוקטאָרען,
גנב'יש, שטיל, מען זאָל ניט זעהן,
מיט לאַמטערנעס אין די הענט,
ווינקען: „סטאַנציע מי'קען".

אין א צוג דורך פאָליעסיע.*)

דונקלען גרינע סאָסנעס,
לויפט דער צוג דורך וועלדער;
ווערט אין פענסטער ליכטיג —
שפּרייטען זיך אוים פעלדער.

שפּרייטען זיך אוים פעלדער:
רעשטקע, קאָרען־זאנגען,
שפּילען זיך אין זונשיין
גאָלדיג־גרין, ווי שלאנגען.

טעלעגראפען־סלופּען
יאָגען זיך אנטקעגען.
זעהט זיך וואו א ברונעם,
שיידען זיך צוויי וועגען.

זעהט זיך וואו א מענשעל,
קריכט ער צווישען קאָרען,
געהט צופוס פאר מיילען, —
וויל דעם באהן פארשפּאָרען.

*) פּאָליעסיע, דער וואלד־געגענד אין דער ליטא.

פלוצלונג גיט א שפיגעל, —
און א טייך אין מיטען,
פול מיט לאנגע קלעצער, —
געהענדיגע פליטען. — — —

באָרוויסע די מאנשאפט,
אָנגעטאָן אין ווייסען.
טרייבען אויפ׳ן ניעמאָן
דעם געהילץ נאָך פרייסען.

ווערט אויפס׳ניי ווי דונקעל,
אוים דער טייך און פעלדער.
ווידער שווינדלען סאָסנעס,
ווידער וואלד און וועלדער.

ווייסע נעכט.

חעל די נאכט אין שטעדטעל,
ווי עס וואָלט שוין טאָגען ; —
האָט נאָך ערשט דער זייגער
האלבע־נאכט געשלאָגען.

ווי עס וואָלט שוין טאָגען —
העלע הימלען אויבען
איז נאָך נאכט אין דרויסען ! ? — — —
לאָזט זיך גאָר ניט גלויבען !

העלע הימלען אויבען
שפּרייטען זיך אויף פעלדער ;
זינקען אין דער ווייטקייט
איבער בערג און וועלדער.

שפּרייטען זיך אויף פעלדער,
און א זון פארבאָרגען
דוכט זיך, שוועבט אין וואָלקען
ערגעץ אין פריהמאָרגען.

ווי א זון פארבארגען;
ווי עס וואלט שוין טאגען; —
האט נאך ערשט דער זייגער
האלבע-נאכט געשלאגען.

אין קרעטשמע.

סוחרים, וואלד־לייט, בעל־עגלות,
האָט פון וועג געבראכט צו טראָגען;
שטעהט אין קרעטשמע א געטומעל,
און אין דרויסען — פערד און וואָגען.

זידט דער סאמאָוואָר באַצייטענס
פינקעלט רויט דער טעע ווי צונטער;
שטאַרקע טעע און אייער־קיכלעך —
ווערט ביים טיש דער עולם מונטער.

און מען זיצט זיך, און מען היצט זיך,
וועגען פריצים, האנדלען, פאָהרען.
ברענט דער מסחר זיך פאנאַנדער
איבער פלאַקס, געהילץ און קאָרען.

שלעפט וואס איינער פון א זעקעל,
כאפט מען, טאַפּט מען, אין זיין הויפען,
קייט מען, שפייט מען: — וויפיל האלט עס? —
— דריי—צום דינגען!... צוויי—צום קויפען! —

שמייכעלט איינער אין די וואַנצען;
און אַ צווייטער האלט אין שווייגען;
און אַ דריטער קנייטשט דעם שטערען
ביז מען הייבט זיך אָן צו שטייגען.

הייבען אלע אָן צו שרייבען,
מעקען, קלעקען אין די ביכלעך;
און דערווייל די בעל-עגלות
עסען אויף פון טיש די קיכלעך.

פאַר'ן יאַריד.

א גערויש פון רעדער־סקריפּען
טראָגט זיך, הערט זיך פון דערווייטענס,
צום יאַריד אַריין אין שטעדטעל
פאָהרען פוהרען שוין באַצייטענס.

בוידען, פערד פון אַלע זייטען
ציהען זיך אין לאַנגע שנורען,
ווי ביינאַכט וואָלט אָנגעפאַלען
שוואַרץ א היישעריק פון פוהרען.

איז נאָך ווייט צום גלאָק באַגינען,
ביז עס וועט אין קלויסטער קלינגען.
יונגוואַרג קאָן ביינאַכט ניט שלאָפען, —
הייבט מען אָן צו שפּילען, זינגען.

און די עלטערע געפאַנגען
מידע, שלעפעריג, — אין דרימעל
כאַפּען אויף זיך יעדע ווײַלע : —
צי עס טאָגט שוין אויפ'ן הימעל.

נאַכט אידיליע.

צוועלף אַ זייגערביידערנאכט
אלע מענשען שלאָפען,
טיר און לאָדען צוגעמאכט,
נאָר איין טיר איז אָפען.

אויפ'ן גאַניק פון דער שטוב,
וואו די טיר איז אָפען —
צוויי, ווי שאָטענס אין דער נאכט
האָבען זיך געטראָפען.

נאָך אַ גלעט און נאָך אַ קוש,
נאָך אַ וואָרט אַ ליבען,
נאָך אַ הייסען דריק אין האנד,
נאָך אַ בליק א טריבען.

אין דער נאכט ווי שאָטענס צוויי,
שוועבען זיי פארבאָרגען,
און צושיידען זיך אין וועג
ווי אַ שיין אויף מאָרגען.

ביינאַכט אויף דער ווילִיע.

פליטען, קלעצער, אויף די ברעגעס,
צוגעדעקט מיט וואסער־שימעל,
אין דעם שפּיגעל פון׳ם וואסער
אויסגעשטערנט קוקט דער הימעל.

הימעל־שטערען, וואסער־וועללען,
שפּילען, שפּיגלען זיך און שפּרינקלען
הערט זיך ווייט א שטילער פּליושקען,
זעהט זיך וואו א פייער׳ל פינקלען.

מיט דער ליולקע, — אין זיין שיפעל
פול מיט נעצען, פול מיט שטאַנגען,
פאָהרט אהיים אַן אלטער פישער
א פארשפּעטיגטער פון פאנגען.

נאָך דער האָניג־וואָך.

בײַ דעם גאַניק וואַרט די פוהר
אויסגעפּוצט מיט בלומען,
שכנים, דאָרף־לײַט פון ארום
זײַנען אָנגעקומען.

מיט איהר מאַן צו איהם אין דאָרף
דאַרף די יונגע פאָהרען,
װײַנט זי ביטער אויף איהר גליק,
אויף די מײדעל־יאָהרען.

— װעמען ס׳האָט דאָס הארץ געװאָלט,
טאָר זי מעהר ניט ליבען.
טאַטע־ מאַמע, בײזע לײַט
האָבען איהם פאַרטריבען.

קאָמעדיאַנטען.

גרויע וואָלקענדיגע הימלען,
שטילע אומעטיגע וועגען,
זעהט א בויד זיך פון דערווייטענס,
ווי עס אײלט פארטאָג אין רעגען.

פאָהרען אידישע ציגײנער,
אויף קליינשטעטישע יאַרידען;
וואָס זיי זיינען, וואָס זיי טוען, —
אָבער אידען בלייבען אידען.

פאלען זיי אריין אין קרעטשמע;
עסען, טרינקען — לעצטע זאָרגען.
פריהער גיסט מען נעגעל-וואסער
און מען דאווענט אין פריה-מאָרגען.

אין שיינק־הויז.

(דעם שיכור'ס טענות)

זיי ניט, ווי אנ'אלטער מאן!
קריך ניט אין דעם זאָרג'ס געשפאן,
ביזט דאָך יונג!!
נו גיב א שפּרונג!!
און א פרייליכעם — א זונג!

קאָנסט ניט זינגען? האָב דיר וואויל!
לאָמיר נעמען וואס אין מויל!
ביזט דאָך יונג!!
נו גיב א וואונק!!
ברייננט דער קעלנער גלייך דעם טרונק.

!האָ ?! ... דו טרינקסט ניט ?! גאָט מיט דיר
!טאָ באַצאָהל זשע כאָטש פאַר מיר
!!ביזט דאָך יונג
!!נו גיב א שוואונג
!!און דאָס געלט אָן טיש אַ קלונג

!?האָסט קיין געלט ניט ?! ... ניט א קלונג
;עך, וואס ביזטו פאר א יונג
!ניט קיין בראנפען
... !ניט קיין געלט
!טפפו !! ... וואס טויגסטו אויף דער וועלט

אויפ׳ן וועג

(פוהרלייט געשרייען)

נו געשוויינטער — שדים־פערד!
היידא, האָפּ!!!
— היי, ווער קריכט עס דאָרט א פריהער
קאָפּ אראפּ?!!?...

גלעקער קלינגען, פערדלעך שפּרינגען
און עס שנעהט!!!...
— היי, וואו ביזטו דאָרט פארקראָכען
אין דער ברייט.

אַזאַ שליטוועג!... ווי א מארמאָר
בלאנקט די ערד.
— היי, וואו האָסטו איהם געקראגען
אזא פערד?!!?

נו געשווינטער! ריהר זיך גיכער!
ציה אַוועק!
קענסט ניט פאָהרען? — לאָז א צווייטען
אויפ׳ן וועג!!!

דער פראָסט.

אָנגעפּעלצט אין ווייסען
געהט דער פראָסט אין · גאס.
טרעפט ער אָן א אינגעל, —
מאַכט ער מיט איהם שפּאס.

כאַפּט איהם פאר אנ'אויער,
שטעכט ער דורכ'ן הויט.
גלעט איהם אויפ'ן בעקעל,
פלאמט דאָס בעקעל רויט.

אויפ'ן גליטש.

(קינדער פרייד)

היט זיך! ... היט זיך!
היי — יאַ! ... האָפּ!!
לאָז איך זיך
פון בארג אַראָפּ! ...

אין מיין שליטעל,
ווי א ווינד,
גליטש איך זיך
פון בארג געשווינד,

ווי א פערדעל
אויף געיעג...
היט זיך! ... היט זיך!
מאכט א וועג!

היט זיך! ... היט זיך!
היי — יאַ! ... האָפּ!!
לאָז איך זיך
פון בארג אַראָפּ! ...

ביים ליכט־בענשען.

א ווינטער ערב שבת,
אַ רויטע זון פאַרגעהט,
אין שטיבעל ביי די לייכטער
די אַלטע שטעהט געגרייט.

דער לעצטער שטראהל פאַרגאַנגען —
דאַן צינדט זי אָן די ליכט,
מיט איהרע הענט — אין תחינות,
פאַרדעקט זי איהר געזיכט.

אַט ווי די שבת־ליכטלעך,
וואָס ברענען העל אצינד,
זי בעט ביי גאָט דעם גוטען,
אין הארץ פאַר יעדען קינד.

זיי זאָלען פאַר איהר לויכטען,
זיי זאָלען פאַר איהר זיין,
ווי ס׳פילען אָן דעם שבת
די ליכט מיט פרייד און שיין.

דער דאָרפס'ס מלמד.

שוין פרייטאָג בייטאָג. אויפ'ן זאמדיגען וועג
די זון אומ'ברחמנות'דיג ברענט;
דורך לאַנקע און פעלד, — דאָרטען עמיצער געהט
און טראָגט זיינע שיך אין די הענט.

עס געהט דאָרט א איד מיט א בלאסען געזיכט
און קוויקט זיך גאַנץ זיס מיט גאָט'ס וועלט,—
געוואַלגערט זיך האָט ער א גאנצע-וואָך-צייט
אין דאָרף — אויפ'ן ישוב געקנעלט.

יעצט געהט ער אויף שבת אהיים צו דער ווייב,
(עס ווילט זיך אפילו ניט געהן.)
די ווייב — א מרשעת, און קינדער — ווי שלעק
ער וויים זייער צאָהל ניט אליין.

און דאָ אויפ'ן וועג איז אלץ רוהיג און שטיל,
א וועלדעל, א טייכעל דערביי,
גאָט'ס וועלט — א גן עדן, ווי שבת בייטאָג,
דער פויגעל זינגט לוסטיג און פריי.

איהם וואָלט זיך דאָ ווען פאַרבלייבען אליין —
וואָלט אימער גאָט'ס נאָמען געלויבט,
וואָס טויג איהם זיין ווייבעל, פון וועלכע מען קאָן
נאָר ווערען פון קללות פאַרטויבט.

ער וואָלט דאָ זיין היילינען פּלאַן אויסגעפיהרט,
ווען פרייטאָג וואָלט היינט ניט געווען,
דען פרייטאָג — מען הייצט דאָך די באָד... און אין באָד
איז ער דאָך א חסיד, א ברען!

די בעטלער.

פארוואָלקנטע הימלען, א רעגעלע גיסט,
דער וועג דורך די דערפער איז אומעטיג וויסט.

און שטילע, ווי שאָטענס, דורך רעגען און קעלט,
צוויי מענשעלעך שלעפען זיך אום אויף דער וועלט.

דער ערשטער : — א קרומער, און קריכט, ווי געשפאנט,
דעם צווייטען : — א בלינדען, — ער פיהרט פאר'ן האנט.

און קרום פיהרט דער וועג — בארג ארויף, בארג אראפ.
דערזעהט זיך א ישוב — דאן שטעלט מען זיך אפ.

דער בלינדער ער נעהמט גלייך זיין פידעל ארויס,
זיין חבר אויך זאמט ניט און הוסט זיך גוט אויס.

די פידעלע יאָמערט, דער קייליקע זינגט.
דעם בעטלער'ס געזאנג אין פריהמאָרגען געלינגט.

מיט ברויט און נדבות זיי געהען אוועק,
צופרידענע שפּאַנען זיי ווידער אין וועג.

זיי אַרט ניט דער ווינט און דער וואַלקען־טוי יעצט,
דער רעגען, וואָס האָט זיי צוואווייקט און צונעצט. — — —

דען באַלד אויפ'ן וועג איז אַ קרעטשמע ניט ווייט,
און בראַנפּען און טעע קריגט מען דאָרט יעדע צייט.

די שפּייזערין.

אין דרויסען איז רעגענדיג, בלאָטיג,
דער הימעל קוקט כמורנע אראָפּ ;
זי זיצט איינגעבויגען אין שוהל־גאַם, —
פארקויפּט דאָרטען ארבעס מיט באָב.

און איילט זיך דער וואָכיגער עולם,
און טומעל, גערויש איבעראל ;
דאָך הערט זי זיין ניגון פון לערנען,
וואָס גיסט זיך, אזוי ווי א קוואל.

דאָרט אויבען אין קלייזעל ביים אויוועז
איהר אלטיטשקער זיצט טאָג און נאַכט ;
אויף בלעטער פון הייליגע ספרים —
זיין בליק, זיין פארשטענדיגער וואכט.

זי ווייס, אז ער לערענט דאָרט תורה,
די תורה, וואָס האָט ניט קיין גרונד —
דעריבער איז זי איהם מפרנס —
פארהיט איהם זיין שוואכען געזונד.

כאָטש ער איז אינגאַנצען מבטל
די וועלט מיט איהר נארישען גאַנג,
דען אלעס אויף דער־וועלט איז מעהר ניט
א פוסטער באגעהר און פארלאנג ;

און אלעס איז הבל־הבלים,
פארגעהן וועט דאָס גיך ווי א בליץ ;
דאָך פאָדערט דער חומר איהם טעגליך
אַ טעפּעלע האָבערנעם גריץ.

די אלטיטשקע זאָל טאַקע לעבען,
זי איז אזוי טריי, אזוי גוט, —
זי קארגט ניט איהר מיה און איהר פראצע ;
דורכאוים פאר׳ן מאן זי פארטוט.

דען זי לייענט אַפּט „קב־הישר״,
אין „צאינה וראינה״ גאנץ קלאָר ;
זי וויים פאר זיין לערנען דעם שכר
איבער הונדערט מיט עטליכע יאָהר.

עס ווערט דאָך פאַרשריבען, פאַררעכענט,
באַצאָהלט ווערט פאַר יעטווידען בלאַט...
געוויס אויך א חלק לויתן
איהר אלטער וועט האָבען צו זאַט.

און גוט וועט ער זיין — וועט ניט ווארפען
די ביינדלעך אונטער'ן טיש,
און זי וועט אויך דאָרטען געניסען
א ביינדעל פון טייערען פיש.

דאָך וויל זי אויף דער-וועלט ניט שטאַרבען,
אזוי ווי א נאַר, אומבאקלערט, —
זי האָט אין דער קהלה פאַר ביידען
באַצאָהלט פאַר א שטיקעלע ערד.

זי האָט זיך באַזאָרגט שוין פון לאנג-אָן:
צוקאָפּענס אין בעט אָנגעגרייט —
צוויי פּעקעלעך ווייסע תכריכים,
וואס זי האָט אליין אויפגענעהט.

א חתונה אין שטעדטעל

(באלאדע).

פערצעהן טעג אין חודש סיון,
א לבנה נאכט, א שעהנע,
לייכט איהר אפשיין אויף די שטיבער
מיט די פענסטערלעך די קליינע.

אויף די פיס איז גאנץ „דאלינאוו",
אַ יאריד ביינאכט אין שטעטעל —
היינט זיין טאָכטער צו דער חופה
פיהרט, דער נגיד חאַצקעל זעטעל.

גלין־גלין־גלאן ! ... און בריטשקעס, בוידען
לויפען אן פון אלע וועגען,
איינגעשפאנט אין „פאָר" און „טראיקעס"
פליהט די שטעטעל זיי אנטקעגען.

גלין־גלאן־גלאן ! ... א רעש א ווילדער
אויפ'ן מארק איז אנגעשוואומען —
זיינען חתן, מחותנים,
געסט און קרובים אנגעקומען.

אין די געסלאך איז באַלאַגערט
ביי די פענסטער, טיר און טרעפלעך,
פונ׳ם מארק ביז חאַצקעל זעטלען
שוועבט א ים פון קעפּ און קעפּלעך.

און ר׳ שמערעל מיט׳ן פידעל,
און ר׳ יאָקעל מיטן באַס
שפּילען אויף קבלת פנים
אינם תהום פון מיטען גאס.

און די כלה׳ס באָבע, גרוניע,
פול מיט נחת אויף איהר פּנים,
געהט אויף הינטער א קאזאצקע
פאר די געסט און מחותנים.

פויק און פידעל, צימבעל, טעלער,
קלינגען, שפּילען, טומלען קלאַפּען.
פון די טאַצען וויין און טערטלאך
אלע לוסטיג רייסען כאַפּען.

פאר זיין קינד א „וואוילען שידוך"
האָט געטאָן ר' חאצקעל זעטעל —
„זעקס יאָהר קעסט" און „הונדערט גילדען",
ווייסט דערפון די גאנצע שטעטעל.

אויפ'ן בארג אין אלטען טורעם
שלאָגען האלבע נאכט די גלעקער,
אויפ'ן שוהל-הויף ווארט דער שמש
מיט'ן חופה-דאך און פלעקער.

ווידער פידעל, פויק און צימבעל
קלאפען, שפילען לוסטיג פריילעך,
און דעם חתן צו דער חופה
פיהרט מען שוין ווי א בן-מלך.

אויף דער כלה'ס שעהנעם פנים
איז א „מורא" נאָך צוגאָסען, —
ווייל אָט באלד... און האָט ביז היינט נאָך
ניט געזעהן קיין מאָל איהר חתן.

איהם געזעהן האָט נאָר איהר פאָטער,
ווען ער איז צו איהם געפאָהרען,
און צוריק געבראכט אַן ענטפער:
— ביזט א כלה שוין געוואָרען!

און דערצעהלט האָט ער: „א בחור,
אַך, א לערנער גאָר א גרויסער!
פון רבנים ציהט זיין יחוס
און זיין פאָטער איז אַן עושר!"

און דעריבער שרעקט די כלה,
ס'געהט א קעלט איהר דורך די ביינער:
ס'האָט קיינמאָל דערצעהלט דער פאָטער —
צי דער חתן איז א שעהנער! ?...

אינהאַלט:

	זייט
פאַרטאָג	3
די גנבה	4
ציגיינער	5
נאָכ'ן רעגען	7
ביינאַכט	8
רעקרוטען	9
ביים דאַווענען	10
דער מחבר	11
שוועמלעך	13
אין א שטיבעל אויפ'ן וועג	14
נאָך מעריב	16
יעגער	17
אויף ארבייט	19
א שרפה	20
דער שנעע	22
די האָלצפיהרער	24
איבער דער גרענעץ	26
א שבת-נאַכט ארויספאָהר	28
אויפ'ן אייז	30
דער קאָראָבעלניק	31
ערשטע פריהלינג'ס טעג	32
דער חשבון	33
„פערטער קלאַס"	34
אין א צוג דורך פאָליעסיע	35
ווייסע נעכט	37
אין קרעטשמע	39

	זייט
פאר'ן יאריד	41
נאכט אידיליע	42
ביינאכט אויף דער ווילִיע	43
נאָך דער האָניג־וואָך	44
קאָמעדיאנטען	45
אין שיינק־הויז	46
אויפ'ן וועג	48
דער פראָסט	49
אויפ'ן גליטש	50
ביים ליכט בענשען	51
דער דאָרפ'ס מלמד	52
די בעטלער	54
די שפייזערין	56
א חתונה אין שטעטעל	59